דעם 22סטן פעברואר 1981

טייערער ה. ביים שליט"או

וואָס מאכט איר? איך האָף אז איר האָט דעם לעצטן בריוו מיינעם פון אָנהייב יאנואר באקומען און איך האָף אז דאָס איצטיקע בריוול טרעפט אייך געזונט און שטארק.

איך בין געווען עטלעכע וואָכן אין ניו-יאָרק אין מיטן יאנואר. על פי צופאל איז דער שכן מיינער אין הויז וואו איך וואוין אויך געווען אויסער לאָנדאָן. ווייזט זיך ארויס אז די נאראָנים וואָס טראָגן די לאָקאלע פאָסט האָבן צוריקגעשיקט אלע בריוו וואָס זיינען אָנגעקומען אין יאנואר. צי איז מעגלעך אז צווישן די ניט-אָנגעקומענע בריוו איז אויך געווען אייערער א בריוו? טאָמער יאָ, זייט מוחל מאָס עס איז צו מיר ניט דערגאנגען.

קיין נייעס איז ביי מיר ניטאָ. איך וויל וועגן אייך דרוקן אן ארטיקל און אפשר גאָר א לענגערע ארבעט לכבוד אייער ניינציקסטן געבוירן-טאָג. וועלכע דאטע פינקטלעך זייט איר געבוירן געוואָרן (לויטן יידישן צי לויטן אלגעמיינעם קאלענדאר) ? אויכעט, ווי פריער דערמאָנט וועל איך אייך זייער דאנקען אויב ס'איז מעגלעך צוצושיקן א פאָטאָגראפיע און כ'וועל זיך פרייען אומצוקערן די הוצאות. אויכעט וויל איך קויפן די ערשטע אויפלאגעס פון אלע אייערע ווערק, אויב מעגלעך מיט אייער חתימה.

דאָ איז אלצדינג אין אָרדענונג. איך ארבעט נאָך אלץ ווי א לערער פון צוויי יידיש-קלאסן אין אָקספאָרד און אזוי ארבעט איך אויף דער דיסערטאציע אין לאָנדאָן. אין אלע מיינע לעקציעס קומט אָפט אויס אייך און אייערע ווערק צו דערמאָנען.

מיין פראָפעסאָר אין ניו-יאָרק, מיכל הערצאָג האָט ביי מיר געבעטן כ'זאָל אייך איבערגעבן זיין ווארעמען גרוס און בעסטע וואונטשן.

איך האָף פון אייך בקרוב צו הערן. לאָזט וויסן אויב איך קען אייך מיט עפעס וואָס צו ניץ קומען דאָ אין לאָנדאָן.

צי וואָלט איך אייל געקענט אפשר באזוכן אויף א קורצער צייט אין משך פונעם פרילינג??

מיט פריינדשאפט און דרך ארץ
בלייב איך אייער איבערגעגעבענער תלמיד

דוד קאַץ